**מכתב כללי לכבוד פסח - הקהל**

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ.י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn. N.Y. 11213

HYacinth 3-9250

ב״ה, י״א ניסן, ה׳תשכ״ז, ברוקלין, נ. י.

אל בני ובנות ישראל
אשר בכל מקום ומקום
ה׳ עליהם יחיו

שלום וברכה!

דער יום־טוב פסח, זמן חירותנו, האָט הייאָר אַ ספּעציעלע באַדייטונג, אין ליכט פון דער פאָלגענדער קורצער הקדמה:

מען זעט, אַז ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַ צוגעפּאַסטער שטימונג, מאַכט אויף אים אַ באַטרעפענדע דערשיינונג אַ שטאַרקערן רושם: ווען איינער געפינט זיך אין אַ פריילעכע שטימונג, נעמט ער אויף אַן ענין פון שמחה מיט אַ גרעסערע באַגייסטערונג. פאַרקערט, אין אַ געדריקטער שטימונג, רופט אַרויס אַ ניט־געוואונשענע דערשיינונג אַ גרעסערע אַראָפּגעפאַלענקייט. דאָס זעלבע זעט מען אויך אין צוזאַמענהאַנג מיטן פיזישן צושטאַנד. ווען דער קערפּער איז געזונט, ווערט ער שטאַרקער דורך אַלע געזונטע זאַכן אין דער פולסטער מאָס; ווען דער קערפּער איז אָפּגעשוואַכט, קען אפילו אַ לייכטע שעדלעכע זאַך זיך שווער אָפּרופן אויפן געזונט —

ענליך און אויסגעדריקט אין דעם הלכה פרינציפּ! מצא מין את מינו וניעור.

★ ★ ★

הייאָר איז אַ יאָר וואָס איז אַריינגעפּירט געוואָרן באַלד פון אָנהויב מיט דער מצוה (און אין דער שטימונג) פון הקהל — די ספּעציעלע מצוה אין דעם יאָר נאָך שמיטה: הקהל את העם האנשים והנשים והטף — צוזאַמענקלייבן אַלע טיילן פון אידישן פאָלק — מיט דעם צוועק, ווי דער פּסוק ערקלערט גלייך אַף אָן אָרט, אַז עס זאָל זיין יראת ה׳ און מען זאָל לערנען און מקיים זיין די תורה.

אַזוי אויך די סיבה און אינהאַלט פון חג הפסח וואָס דאָס איז יציאת מצרים, איז געווען, ניט ווי באַ אַנדערע גליות (בבל, מדי פרס און יון) אַז ניט אַלע אידן זיינען אַרויס דאַמאָלס פון בבל א. ז. וו. — נאָר בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותנו — אַלע אידן פון קליין ביז גרויס זיינען אַרויס פון מצרים און מיט דעם צוועק: בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה — ווערן אַן עבד אלקים און מקבל זיין די תורה ביים באַרג סיני.

דעריבער, כאָטש פּסח איז אַ מצות עשה שהזמן גרמא (וואָס פרויען זיינען געוויינלעך פּטור דערפון), מוזן אָבער אויך פרויען באַטייליקן זיך אין דעם. און בנוגע קינדער — איז דאָך דער אַריינפיר אין יום טוב גלייך באַם אָנהייב פון דער צייט פון יציאת מצרים — דער סדר של פּסח באַזירט אויף והגדת לבנך (זאָגן און אָנזאָגן דיין זון) — מיט פיל פּרטים און ענינים וועלכע זיינען געצילט אַריינצוציען די קינדער אין דעם ענין פון פּסח, נאָך איידער מען איז מקיים די מצוות פון פּסח, מצה און מרור. און אַלע קינדער. דער סדר איז ניט באַגרענעצט צו קינדער חכמים, נאָר צו אַלע סוגים, פון חכם ביז שאינו יודע לשאול.

און אָנזאָגן אַלעמען אַז בעבור זה — כדי מיר זאָלן מקיים זיין די מצות — האָט דער אויבערשטער אונז אַרויסגענומען פון מצרים.

★ ★ ★

אַזאַ טאָטאַלע באַפרייאונג ווי עס איז געווען פון גלות מצרים איז ניט געווען אין די שפּעטערדיקע גלות׳ן, אָבער וועט ווידערהווילט ווערן באַ דער גאולה האמתית פון דעם איצטיקן גלות, ווי דאָס איז ג־טלעך צוגעזאָגט געוואָרן (כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות), ווען אַלע אידן, יונג און אַלט, קינדער און פרויען, מיט אַלעם וואָס די באַזיצען, וועלן אויסגעלייזט ווערן דורך משיח צדקנו, און מיט דעם צוועק אַז בחוקי תלכו . . . והייתם לי לעם ואנכי אהי׳ לכם לאלקים (היטן דעם אויבערשטענ׳ס געזעצן און זיין זיין פאָלק).

און פונקט ווי גאולת־מצרים האָט געקענט צושטאַנד קומען נאָר דאַן ווען די אידן האָבן מיט מסירת נפש אָפּגעוואָרפן די עבודה זרה פון מצרים און האָבן געביינקט און אויסגעקוקט ווען וועלן זיי שוין באַקומען די תורה, אַזוי מוז אויך איצט ווערן געמאַכט די צוגרייטונג צו אונזער גאולה — דורך ענטגילטיק אָפּוואַרפן די פאַרשידענע עבודה־זרות פון אונזער צייט; און בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו — יעדערער זאָל זיך אַרויסנעמען, מיט פרוי און קינדער, פון צושטאַנד פון עבדי פרעה — קנעכט צו די אידעען וואָס הערשן אין דער דרויסנדיגער וועלט — און ווערן עבדי השם, אין א טאָטאַלער פאַרפליכטונג צום אויבערשטן, און אַזוי אַרום דערגרייכן דעם אמת׳ן חרות, דורך אַ טאָג־טעגלעכן תורה ומצות לעבן.

★ ★ ★

דער אויבערשטער זאָל געבן, אַז דער קומענדיקער יום טוב זאָל הייאָר, אין יאָר פון הקהל, אויפגענומען ווערן מיט אַ ספּעציעלער באַגייסטערונג, ווי אויבן געזאָגט; אַ באַגייסטערונג וואָס זאָל זיך אויסדריקן אין די טעג פונם יום טוב און אין אַלע קומענדיקע טעג, ווי אָנגעזאָגט באַ הקהל: ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת — אַפּהיטן כדי צו טאָן (ניט יוצא זיין מיט אַ גוטער אידישער האַרץ און אַ הויך עטישער דרשה — ווי גוט זיי זאָלן זיין) די אַלע רייד (ניט אויסקלייבן וואָס עס איז, לויט זיין מיינונג, ״צוגעפּאַסט״ צו היינטיגער צייט און באַקוועם) פון דער תורה (ווי דער רמב״ם פאַרטייטשט תורה אין אַ פּסק דין — יעדער פסוק און יעדער וואָרט און אַזוי אויך — תורה שבעל פה).

און דאָס וועט דערנענטערן די גאולה האמתית והשלימה על ידי משיח צדקנו בקרוב ממש.

בברכת חג הפסח כשר ושמח

**מ. שניאורסאהן**

וווען דער קערפּער: זע אויך שבת לב, א. תענית כט, ב.

הלכה פּרינציפּ: ענליך אויך אין אגדה: מגלגלין זכות ליום זכאי (ולהעיר מפרש״י ע״ז — ערכין יא, ב ד״ה זכות — בניסן נגאלו בניסן עתידין להגאל).

מצא . . וניעור: זע פרש״י ע״ז עג, א.

הקהל . . והטף: דברים לא, יב.

בנערינו . . ובבנותינו: שמות י, ט.

בהוציאך . . די תורה: שמות ג, יב. וכתיב״ע ופרש״י שם.

אויך פרויען: זע שו״ע לאדמו״ר הזקן או״ח סתע״ב סכ״ה.

בנוגע קינדער: זע דאָרט ר״ס תע״ב, סתע״ג ס״מ, מב. ועוד. וראה סידור האריז״ל סדר הגדה ד״ה והנה התנוקות. ועוד. ובשיחות כ״ק מו״ח אדמו״ר דחה״פ ה׳ תש״ד דזה שהתינוק דוקא שואל מעורר למעלה הענין דכי נער ישראל ואוהבהו, כתוב המדבר ביצי״מ.

בעבור זה — כדי כו׳: שמות יג, ח (ובפי׳ הראב״ע שם).

טאָטאַלע . . ניט געווען כו׳: דערפאַר איז אויך אפילו באַ מצות הקהל דאָ מיעוטא דמיעוטא וואָס זיינען פטור (אָבער באַ דער גאולה העתידה איז אפילו עוור ופסח אויך אין דעם קהל גדול ישובו הנה — ריש חגיגה. ירמי׳ לא, ז) און אַזוי אויך באַם סדר — נאָר כשהגיעו לחינוך וכו׳ — וויבאַלד (אַז פון חטא העגל פעלט די שלימות ביז לעת״ל און) הקהל וחה״פ זיינען נאָר אַ מעין ודוגמא (באופן שונה זמ״ז). ואכ״מ.

כימי . . נפלאות: מיכה ז, טו. ובהשמטות לזח״א (רסא, ב) עה״פ — דכלהו יומין עילאין אזדמנו התם ואזדמנו הבא.

בחוקי . . לאלקים: יחזקאל לו — כז, כח,

מיט מסירת נפש: זע מדרש געבראַכט ברבותינו בעה״ת (שמות יב, יג).

געביינקט . . תורה: הגדה געבראַבט בר״ן סוף פסחים.

עבדי פרעה . . השם: זע ירוש׳ פסחים (פ״ה, ה״ה) אַז באַ יצי״מ איז דאָס געוואָרען נאָך פאַרן אַרויסגיין — ״מכאן והילך״.

אמת׳ן חירות: כי אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בת״ת (אבות פ״ו, ב).

דער רמב״ם: הל׳ תשובה פ״ג ה״ח.